ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ואתחנן

(חלק כט שיחה ב)


יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה


מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת ואתחנן (שבת נחמו), ט־טו מנ״א, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ואתחנן* ב

א. פון דעם פסוק (בפרשתנו[1]) „ונס אל אחת מן הערים האל וחי" לערנט מען אָפּ[2], אַז „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו שנאמר וחי עביד לי' מידי דתהוי לי' חיותא".

דער רמב"ם בספרו היד[3] ברענגט אַראָפּ דעם דין — „תלמיד שגלה לערי[4] מקלט מגלין רבו עמו שנאמר וחי עשה לו כדי שיחי'", און איז דערביי מוסיף: „וחיי בעלי חכמה ומבקשי' בלא תלמוד תורה כמיתה חשובין".

וואָס איז דער רמב"ם אויסן מיט דער הוספה[5]? קען מען זאָגן אַז דערמיט באַוואָרנט ער אַ שאלה פשוטה אין דעם דין: אע"פ אַז מען דאַרף צושטעלן דעם הורג נפש בשגגה אַלע זיינע צרכים בעיר מקלטו (ווי די גמרא[6] זאָגט: „אין מושיבין אותן אלא במקום מים . . במקום שווקים כו'"), איז אָבער ניט מובן: וואָס פאַר אַן אָרט האָט עס אַז מען זאָל עס טאָן אויפן חשבון פון אַ צווייטן אידן, ובפרט „רבו" — צו שיקן רבו אין גלות (כדי לערנען תורה מיט דעם תלמיד)[7]?

ובפרט אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ תלמיד וואָס איז באַגאַנגען דעם חטא פון הורג נפש [טאַקע בשגגה — אָבער דאָס גופא ווייזט אַז ער איז שלא כדבעי[8], וואָס דערפאַר איז ער חייב גלות „כי היכי דליהוי . . כפרה"[9]; אויב ער וואָלט געווען אַ תלמיד הגון כדבעי, וואָלט אַזאַ תקלה גדולה ניט געקומען לידו. און ווי די גמרא[10] זאָגט אויף אַ הורג נפש בשגגה, „מרשעים[11] יצא רשע"].

איז דער רמב"ם דערפאַר מוסיף „וחיי בעלי חכמה ומבקשי' בלא ת"ת כמיתה חשובין": דער ענין פון תלמוד תורה (חכמה) ביי אַ תלמיד איז ניט נאָר ווי גאָר וויכטיקע צרכים שלו (אַז מ'זאָל זאָגן, וויבאַלד אַז ער האָט זיך פריער

---

*) ומיני' — ש"פ ואתחנן — מתברך (בשנה זו — תשמ"ה) היום דכ"ף מנ"א, הוא יום ההילולא של הרה"ג והרה"ח ומקובל רב פעלים לתורה ולמצות ורבים השיב מעון מוהר"ר לוי יצחק ז"ל שניאורסאהן (אביו של — יבלח"ט — כ"ק אדמו"ר שליט"א), אשר הגלה על עבודתו בהחזקת והפצת היהדות, ונפטר (בשנת תש"ד) בעיר גלותו אַלמאַ אַטאַ במחוז קאַזאַכסטאַן, ושם מ"כ.

1) ד, מב (ובשינוי ל' קצת — שופטים יט, ה).

2) מכות י, א (ראה מימרא שלפנ"ז בגמ' שם שהועתק הכתוב דפרשתנו (ולא דשופטים), ובע"י (וכן ביל"ש פרשתנו כאן) הועתק גם במימרא דילן. וראה ש"ך עה"ת פרשתנו עה"פ).

3) הל' רוצח רפ"ז.

4) כ"ה ברוב כת"י ודפוסים (ראה רמב"ם מהדורת פרענקל בילקוט שנויי נוסחאות).

5) ובמעשה רוקח על הרמב"ם (אה"ק תשכ"ד) כאן, ש„הוצרך רבינו לביאור זה מפני שבגמ' . . דרשו פסוק זה לענין חיותו הגופנית". וראה לקמן הערה 12.

6) מכות שם. וכן ברמב"ם שם פ"ח ה"ח.

7) וראה צפע"נ שהובא לקמן סעיף ג (ועיון יעקב שבהערה 20).

8) ראה אגה"ק סו"ס כח (מל"ת להאריז"ל פ' ויקרא) שהשגגות הן „מהתגברות נפש הבהמית", ולכן גם שוגג צריך כפרה (רש"י שבועות ב, א ד"ה תולה). וראה רמב"ם הל' שגגות פ"ה ה"ו.

9) מכות ב, ב ובכ"מ (ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך גלות ע' קכג. וש"נ). וראה רש"י נח ט, ה.

10) מכות י, ב (הובא גם בפרש"י משפטים כא, יג. וראה רש"י נח שם). וראה רש"י מכות שהובא לקמן בפנים סעיף ב.

11) ל' הכתוב — ש"א כד, יד.

עוסק געווען אין תורה איז דאָס געוואָרן זיין „עסק" ובמילא דאַרף מען אים געבן די געלעגנהייט צו קענען ווייטער ממשיך זיין אין לימוד התורה) — נאָר נאָכמער דאָס איז אַ שאלה פון חיים און היפך **החיים** („כמיתה **חשובין**"[12]); און וויבאַלד תורה זאָגט אָן „וחי" — איז „ניטאָ קיין ברירה" און מען מוז שיקן רבו אין גלות „דתהוי לי' חיותא"[13].

און דער מקור אויף דעם (אַז „וחיי בעלי חכמה כו' בלא ת"ת כמיתה חשו־בין") — י"ל אַז דאָס איז — מקרא מלא דבר הכתוב[14]: „החכמה תחי' בעלי'"[15].

ב. אָבער לכאורה — צע"ג בדברי הרמב"ם:

לויטן ביאור הרמב"ם דאַרף לכאורה אויסקומען, אַז דער דין פון „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו" איז דוקא ביי אַ תלמיד וועלכער איז אין דער דרגא וואָס זיין גאַנצער חיים איז תלמוד תורה, ביז אַז „בלא תלמוד תורה כמיתה חשובין";

אָבער די הלכה איז דאָך סתם „תלמיד שגלה" — די גמרא מאַכט ניט קיין חילוק און איז ניט מדקדק וועגן וועלכן תלמיד עס רעדט זיך.

ואדרבה: בהמשך צום דין פון „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו" זאָגט די גמרא: „מכאן שלא ישנה אדם לתלמיד שאינו הגון" — „שלא[16] יביאוהו עונותיו לידי הריגה בשוגג ויגלה דאמרינן לקמן[17] שאינו מצוי אלא ברשעים". קומט אויס, אַז דער פאַל פון „תלמיד שגלה" רעדט זיך גאָר (בעיקר[18]) וועגן אַ „תלמיד שאינו **הגון**".

איז ווי נעמט מען אַריין אַזאַ תלמיד אין דעם סוג פון „בעלי חכמה ומבקשי'", ביז צו זאָגן אַז זיין חיים „בלא ת"ת כמיתה **חשובין**"?!

[ואע"פ אַז „תלמיד שאינו הגון" מיינט בפשטות — „אינו הגון" במעשיו, אַז ער פירט זיך שלא כדבעי (אָבער בנוגע זיין לימוד קען אפשר זיין אַז אין דעם איז ער כדבעי) —

זעט מען אָבער במוחש, אַז בשעת עס פעלט אין דער הנהגה פון תלמיד, פעלט עס אויך אין זיין התמדה ושקידה בלי־מודו; און אַודאי קען מען ניט זאָגן ביי אַזאַ תלמיד אַ כלל — ביז אַז דערפאַר מגלין רבו — אַז זיין ת"ת איז געוואָרן זיין לעבן (חיים) — דעמאָלט מוז עס האָבן אַ ווירקונג אויף זיין הנהגה].

ג. בנוגע דער הוספה (וטעם) פון רמב"ם („וחיי בעלי חכמה כו'") שרייבט דער ראָגאַטשאָווער אין אַ תשובה[19] „וזה הוא טעם רוחני"

(און זאָגט דאָרט אַן אַנדער טעם („בפשוט") אויפן דין פון „מגלין רבו עמו"[20]: דערפון גופא וואָס דער תלמיד

12) ומתורץ עפ"ז למה מדגיש הרמב"ם השלילה („כמיתה חשובין") ולא הסתפק בהחיוב (משא"כ לפי' המעשה רוקח דלעיל הערה 5).

13) להעיר מתוד"ה מאי שנא (גיטין יב, א) ד„לא משמע . . דמשום וחי תיהוי העדפה דידי'". וראה קומץ מנחה (להמנ"ח) מצוה תי שמחלק בין רב או תלמיד „דהתורה היא עיקר חיותו", למלך ומשרתיו כו'. ע"ש.

14) קהלת ז, יב.

15) וכהובא בחינוך מצוה תי. ובנמוק"י מכות שם: התורה חיים היא דכתיב כי היא חייך ואורך ימיך, כי חיים הם למוצאיהם.

16) רש"י מכות שם. ועד"ז בנמוק"י שם.

17) מכות שם ע"ב.

18) ראה לקמן סעיף ג ובהערה 23.

19) שו"ת צפע"נ דווינסק ח"א סכ"א (הועתק בצפע"נ המלוקט על מס' מכות שם).

20) וראה עד"ז עיון יעקב (לע"י מכות שם) בטעם הדין ד„רב שגלה מגלין ישיבתו עמו".

[אבל גם בזה — אין זה כשיטת הרמב"ם, שהרי מסתימת לשונו (הל' רוצח רפ"ז) „וכן הרב שגלה

איז אַ הורג נפש (בשגגה) איז אַ ראי׳ אַז ער איז אַ „תלמיד שאינו הגון״[21], און וויבאַלד מען טאָר ניט לערנען מיט אַ „תלמיד שאינו הגון״[22], קומט אויס, אַז „הוא (רבו) פשע בזה לכן הוא משועבד״).

אָבער

[נוסף אויף דעם צ״ע אין דעם טעם פון ראָגאַטשאָווער — וואָס לפירושו קומט אויס, אַז דער דין פון „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו״ איז דוקא אין אַ פאַל[23] ווען אויך דער רב איז ניט קיין „הגון״, ד.ה. אַז ער האָט דערקענט אַז תלמידו איז ניט קיין „הגון״[24] און האָט אעפ״כ פושע געווען און געלערנט מיט אים (היפך הדין)[25]! — און נאָך כמה צ״ע בפירושו שאין כאן מקומם — איז עוד ועיקר]

דערפון גופא וואָס דער רמב״ם ברענגט דעם טעם בספרו משנה תורה, וואָס איז אַ ספר פון „הלכות הלכות״[26], איז מוכרח צו זאָגן, אַז לויט שיטת הרמב״ם איז אָט דער טעם (אפילו אַז ער איז אַ „טעם רוחני״, איז ער אָבער) אויסגעהאַלטן (אויך) ע״ד ההלכה, ופשיטא אַז ער איז ניט בסתירה צו דער הלכה פסוקה אַז יעדער תלמיד שגלה איז מגלין רבו עמו.

ד. וי״ל הביאור בהקדים דיוק לשון הרמב״ם — „בעלי חכמה ומבקשי׳ בלא ת״ת כו״, ולכאורה: אין פסוק שטייט דאָך בלויז „(החכמה תחי׳) בעלי׳״; און דער רמב״ם איז מוסיף „ומבקשי׳״?

ובפרט אַז דאָס איז אַ הוספה (ניט נאָר בלשון, נאָר) אין תוכן:

„בעלי חכמה״ איז דער פשט, אַז ער לערנט תורה אין אַן אופן אַז „תורתו דילי׳ הוא״[27] — ער ווערט בעלים אויף די דברי תורה שלמד, „נקראת על שמו״[28] (און די גמרא[28] זאָגט אַז דאָס איז דוקא ווען מען לערנט אין אַן אופן פון „יהגה״, לעיונא[29]);

„ומבקשי׳״ איז מוסיף, אַז ער איז זיך ניט מסתפק מיט די דברי תורה וואָס ער האָט שוין געלערנט (און „קונה״ גע־ווען), נאָר ער איז „מבקשי׳״ — ער זוכט שטענדיק — נאָך, צו שטייגן העכער אין השגת התורה (וואָרום צו השגת התורה איז קיין גבול ניטאָ, וכמש״נ[30] „ארוכה

כו״ מוכח שס״ל שהוא מאותו הטעם (כב„תלמיד שגלה כו״) ד„עשה לו כדי שיחי׳ וחיי בעלי חכמה כו״ (וראה גם לקו״ש ח״ה ע׳ 375 ובהערות 34, 35 שם). וכן מפורש במאירי מכות שם: וכן הרב שגלה כו׳ שאין לו חיים בלא ישיבה. ואכ״מ].

21) וכפרש״י מכות שם (הנ״ל) „אינו מצוי אלא ברשעים״. אבל ראה הערה 23.

22) כהמשך הגמרא במכות שם (כנ״ל). וראה גם חולין קלג, א. רמב״ם הל׳ ת״ת רפ״ד.

23) ודוחק הכי גדול לומר שכל המציאות דהורג נפש בשגגה (ובמילא — תלמיד שגלה) היא רק באדם כזה שרשעתו גלוי׳ עד כ״כ שהי׳ צריך רבו להכיר בזה!

ומ״ש רש״י „שאינו מצוי אלא ברשעים״ — י״ל כוונתו בפשטות, שאצל תלמיד שאינו הגון יותר שכיח („מצוי״) מפני עונותיו ולכן צריך להזהר מתלמיד שאינו הגון. אבל גם אצל תלמיד הגון אפשר שיקרה שיהי׳ הורג נפש בשגגה. ולכן נאמר „תלמיד״ סתם בלי שום הגבלה (למטה וגם למעלה).

ולהעיר שלשון רש״י זה („שאינו.. ברשעים״) לא הועתק ברש״י שברי״ף. וכן ליתא בנמוק״י שם.

24) והרי מלמדין תורה גם ל„תם״ (רמב״ם הל׳ ת״ת שם), היינו לתלמיד „שאין ברור לנו אם הוא טוב אם לאו״ (כס״מ ולח״מ שם).

25) ולפמ״ש אדה״ז בהל׳ ת״ת (פ״ד קו״א סק״א. וראה שם סי״ז) דגם בתלמיד שאינו הגון י״ל שהרב „צריך להכניס א״ע לבית הספק אם א״א בע״א״ — אין הכרח שהיתה בזה פשיעה (נגד הדין).

26) ל׳ הרמב״ם בהקדמתו לס׳ משנה תורה (קרוב לסופה).

27) קידושין לב, ריש ע״ב.

28) ע״ז יט, א.

29) ראה רש״י ע״ז שם.

30) איוב יא, ט. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״א ס״ה.

מארץ מדה ורחבה מני ים"), ובלשון הרמב"ם[31]: „העובד מאהבה עוסק בתורה .. והולך בנתיבות החכמה .. נפשו קשורה באהבת ה' ונמצא שוגה בה תמיד".

קומט אויס, אַז לויטן רמב"ם, ווען פּאַסט צו זאָגן אַז ת"ת (חכמה) איז געוואָרן די גאַנצע חיים של האדם – ווען ער איז (ניט נאָר) „בעלי חכמה (נאָר אויך) ומבקשי'".

איז ניט מובן, כנ"ל: וואָס איז דער מקור הרמב"ם אויף דער הוספה וועלכע שטייט ניט אין פסוק?

נאָכמער: עפ"ז ווערט נאָך שטאַרקער די שאלה הנ"ל (סעיף ב) – אַז דער טעם הרמב"ם איז לכאורה ניט מתאים מיט דער הלכה בפועל: ע"פ הנ"ל קומט אויס, אַז כדי צו מחייב זיין רבו צו גיין אין גלות צוליב תלמידו, מוז דער תלמיד האָבן (ניט נאָר די מעלה פון „בעלי חכמה", נאָר) אויך די תכונה פון „מבקשי'" – בשעת אַז אין גמרא שטייט אַז דער פאַל פון „תלמיד שגלה" איז (בעיקר) ביי אַ „תלמיד שאינו הגון"!

ה. ולכן נראה לומר, אַז כוונת הרמב"ם מיט דער הוספה „ומבקשי'" איז ניט צו מוסיף זיין אַ צווייטן תנאי אין דרגת התלמיד – נאָר דער וא"ו פון „ומבקשי'" איז במקום תיבת „או"[31*] כאילו ער וואָלט געשריבן „בעלי חכמה או מבקשי'".

דאָס הייסט, אַז דער רמב"ם רעדט וועגן צוויי סוגים[32]: (א) די וועלכע זיינען שוין אין דער דרגא פון „בעלי חכמה". (ב) „ו(עכ"פ) מבקשי'" – זיי זיינען נאָך ניט געוואָרן „בעלי חכמה", אָבער זיי זוכן צו ווערן „בעלי חכמה". און וויבאַלד אַז תורה איז מבטיח „יגעת ומצאת תאמן"[33], איז ברור אַז סו"ס וועט ער ווערן אַ „בעל חכמה". קומט אויס אַז „בכח" איז ער שוין איצט אַ „בעל חכמה" (וואָס חייו „בלא ת"ת כמיתה חשובין").

ועפ"ז איז פאַרענטפערט וואָס דער דין ווערט געזאָגט בשייכות צו יעדן תלמיד (אויך אַ תלמיד שאינו הגון) – וואָרום דערפון גופא וואָס דער רב (וואָס ער איז דאָך בסתם אַ „רב הגון") האָט אים אַריינגענומען אַלס תלמידו, איז אַ ראי' אַז דער רב האָט דערזען, עכ"פ געפילט אין דעם תלמיד אַז ער איז אין גדר פון „מבקשי'", אַז ער זוכט (עכ"פ) צו ווערן אַ „בעל חכמה" (ווייל אַנדערש וואָלט ער אים ניט אָנגענומען אַלס תלמיד[34]);

און דערפאַר איז דער דין אַז „מגלין רבו עמו", כדי צו אַרויסברענגען ביים תלמיד דעם ענין מן הכח אל הפועל (אַז ער זאָל ווערן אַ „בעל חכמה" בפועל) – דורך מאַכן פון דעם תלמיד שאינו הגון – אַ תלמיד הגון[35], ביז ער זאָל ווערן אַ „בעל חכמה".

---

31) הל' תשובה פ"י ה"ב־ג. וכן שם ה"ו.

*31) כמו שמצינו בכמה מקומות (גם בפוסקים) – ראה יד מלאכי כללי הפוסקים אות לא. דרכי שלום כללי הפוסקים (נדפס בשד"ח הוצאת קה"ת כרך יו"ד) אות קעה. ושנ"נ.

32) ראה עד"ז לקו"ש שנסמן בהערה 20. ושם, שב' הלשונות הם כנגד ב' הדינים שברמב"ם שם: (א) תלמיד שגלה כו' (מבקשי'). (ב) הרב שגלה כו' (בעלי חכמה). עיי"ש.

33) מגילה ו, ריש ע"ב.

34) כפסק הרמב"ם (הל' ת"ת שם. וכן בהל' ת"ת לאדה"ז פ"ד סי"ז) ד„מחזירין אותו למוטב (תחלה) .. ובודקין אותו ו(רק) אח"כ מכניסין אותו לביהמ"ד ומלמדין אותו".

וגם אם „א"א בע"א" שאז „צריך להכניס א"ע לבית הספק" (כנ"ל הערה 25) – ה"ז רק כשהתלמיד „דוחק ליכנס ללמדו" (אדה"ז בהל' ת"ת שם), ובודאי מכיר הרב שהוא בגדר ד„מבקשי'".

35) ראה גם דברי ירמי' על הרמב"ם הל' ת"ת שם.

ויש להוסיף בזה:

דער דין פון „עביד לי' מידי דתהוי לי' חיותא" איז ניט נאָר בנוגע דעם ערשטן רגע ווען דער הורג נפש בשגגה קומט אין גלות, נאָר דער „וחי" מוז באַוואָרנט ווערן אויף דעם גאַנצן זמן וואָס ער געפינט זיך דאָרטן („עד מות הכהן הגדול"[36]).

ועפ"ז קומט אויס, אַז דער חיוב פון „מגלין רבו עמו" איז ניט נאָר מצד דעם איצטיקן מצב פון תלמיד, וואָס חכמה איז זיין „חיים" בלויז „בכח" — נאָר (אויך) מצד דעם שפּעטערדיקן מצב פון תלמיד, ווען ער וועט זיין אַ „בעל חכמה" בפועל,

וואָרום וויבאַלד ער איז שוין איצטער אין גדר פון „מבקשי'", איז דאָך ברור אַז סו"ס וועט ער ווערן אַ „בעל חכמה" בפועל, כנ"ל (וי"ל אַז ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן עוסק זיין אין דעם בפועל) — און דעריבער איז שוין איצטער דער חיוב צו באַוואָרענען דעם „וחי" פון תלמיד.

ו. איינע פון די גאָר איינפאַכע הוראות פון דעם ענין הנ"ל איז — דער גודל הענין פון „עשה לך רב"[37]:

בשעת מען מאַכט אַ חשבון צדק אליבא דנפשי' און מ'כאַפּט זיך ווי מ'איז אין אַ מצב פון „תלמיד שאינו הגון", קען מען אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו — ווי וועט מען קענען אַרויסקומען פון דעם מצב און זיך איבערמאַכן אין אַ תלמיד הגון, און ווער רעדט נאָך צו ווערן אַ „בעל חכמה"?

אויף דעם איז די עצה — „עשה לך רב": ווען מען געפינט אַ רב אמיתי, איז ברור אַז דער רב וועט מיט אים „קנעלן" אויף צו מאַכן פון אים אַ „תלמיד הגון";

און ווי עס זאָל ניט זיין זיין מעמד ומצב בהווה — אויב נאָר ער איז אין גדר פון „מבקשי'" — ער זוכט צו ווערן אַ תלמיד הגון, איז אפילו אויב דערווייילע איז ער נאָך אין אַ מצב ירוד כזה וואָס פאָדערט מצד דעם רב אַ ירידה והשפלה בדוגמא צום ענין הגלות — פסק'נט תורה אַז „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו", ובמילא, נוסף אַז דער רב וועט מיט אים לערנען, וועט ער זיך אַריינלייגן[38] אויף צו מאַכן פון אים אַ תלמיד הגון, ביז צו דער דרגא פון „בעל חכמה", ביז צו ווערן כמותו (דהרב) ממש.

ז. דער ענין פון „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו" איז אויך פאַראַן אין דער עבודה רוחנית של כל אחד ואחד:

יעדער איד איז מיטן אויבערשטן בדוגמא כביכול ווי אַ תלמיד עם רבו, ווי דער פסוק[39] זאָגט „וכל בניך (יעדער איד) לימודי (תלמידי[40]) הוי'", יעדער איד איז אַ תלמיד פון אויבערשטן. און בשעת אַ איד טוט ח"ו אַ חטא נגד ה' איז ער דאָך לפי שעה (ביז ושב ורפא לו) אַ „תלמיד שאינו הגון".

און די סיבה ואפשריות אויף אַ חטא איז — וואָס ער איז ניט קיין „בעל חכמה"[41].

והביאור: דער אַלטער רבי איז מבאר (אין תניא[42]) דעם פסוק (הנ"ל) „החכמה

36) מסעי לה, כה. שם, כח.

37) אבות פ"א מ"ו. — וראה לקמן ע' 247 ואילך. ועוד.

38) וראה לקמן סעיף ח הדיוק ד„מגלין רבו עמו".

39) ישעי' נד, יג.

40) מצודות שם. וראה רד"ה וכל בניך תרפ"ט (סה"מ קונטרסים ח"א טז, ב). ועוד.

41) וכ"ה גם בפשטות הענין, כמרז"ל (סוטה ג, א) אין אדם עובר עבירה אא"כ נכנס בו רוח שטות (היפך ה„חכמה"). וראה הערה 43.

42) פי"ח.

תחי׳ בעלי׳״, אַז דער חיות פון אַ אידן קומט פון אויבערשטן („אין סוף ב״ה״), און מ׳איז מייחס זיין חיות צו חכמה („החכמה תחי׳״) ווייל „אין סוף ב״ה מלובש בבחי׳ חכמה שבנפש האדם יהי׳ מי שיהי׳ מישראל״ (און דער חיות פון אויבערשטן איז מתפשט „בכל בחינות הנפש כולה להחיותה״ דורך בחינת החכמה).

און דערפאַר, בשעת מ׳איז אין גדר פון „בעלי חכמה״, פילט מען דעם פאַר־בונד וואָס מ׳האָט מיטן אויבערשטן (מיט „אין סוף ב״ה״ וואָס איז „מלובש בבחי׳ החכמה שבנפש״), ובמילא איז מען ניט שייך צו קיין ענין פון חטא; די אפשריות אויף חטא נעמט זיך דערפון[43] וואָס מ׳איז ניט קיין „בעל חכמה״ און מען פילט ניט דעם פאַרבונד מיט „רבו״ זה הקב״ה.

בשעת מ׳איז חוטא נגד ה׳, האָט מען צו טאָן מיטן „גואל הדם״[44] — זה היצר הרע, כמחז״ל[45] „הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות״ — וואָס וויל ברענגען אַ אידן צו אַ מצב פון מיתה רוחנית ר״ל

— אויף דעם איז די הלכה ברורה אין תורה: „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו״. וואָס ברוחניות מיינט עס: כאָטש דער איד איז בפועל ובגלוי ניט קיין „בעל חכמה״ — איז ח״ו צו זאָגן אַז דערפאַר איז ביי אים נתבטל געוואָרן דער פאַר־בונד מיטן אויבערשטן

— וואָרום יעדער איד, יהי׳ מי שיהי׳, איז עכ״פ אין גדר פון „מבקשי׳״ (ווי דער באַוואוסטער וואָרט פון רבותינו נשיאינו[46]: אַ איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אָפּגעריסן פון ג־טלעכקייט), ובמילא איז ביי אים שטענדיק פאַראַן די התקשרות מיטן אויבערשטן —

עס איז נאָר וואָס דער פאַרבונד איז ביי אים באַהאַלטן, ובלשון התניא[47] „היא בבחינת שינה ברשעים״, אָבער אויך דעמאָלט איז עס מגין פון „גואל הדם״ און דערלאָזט ניט קיין מיתה רוחנית ר״ל[48];

און בשעת דער איד ווייזט אַרויס זיין תשוקה צו ווערן אַ תלמיד הגון — „מבקשי׳״ בגלוי — וועט עס גלייך פועל זיין פעולתו אויף צו מאַכן פון אים אַ תלמיד הגון און אַ „בעל חכמה״, וואָס דעמאָלט — „החכמה תחי׳״, דאָס ברענגט אין אים אַריין אַ חיות פון קדושה בכל כחות נפשו, וואָס דאָס איז מבטל בדרך ממילא די שליטה פון יצר הרע[49].

ח. כשם ווי דאָס איז בנוגע יעדן יחיד, עד״ז ובמכש״כ וכו׳ וכו׳ איז עס בנוגע כלל ישראל:

בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, ובפרט גלות זה האחרון, ובפרטי פרטיות אין דעם חושך כפול ומכופל פון עקבתא דמשיחא — קען מען אַריינ־פאַלן ח״ו אין יאוש „מאין יבוא עזרי״[50]

43) ראה תניא פכ״ד (ל, א ואילך). ושם (וכן לפנ״ז פי״ט — כה, א) שהוא מצד הרוח שטות המכסה על בחי׳ חכמה שבנפש.

44) ראה לקו״ת במדבר (יג, ג) דענינו של כל חטא שייך לשפיכת דמים, מה ש„שופך דם האדם (דקדושה) באדם (דקליפה)״.

45) ב״ב טז, א.

46) היום יום כה תמוז (ושם כ״א סיון). וראה גם ד״ה באתי לגני תשי״ת פ״ג־ד. ועוד.

47) פי״ט (כה, א).

48) שלכן כשבא לידי נסיון בדבר אמונה אזי היא ניעורה משינתה ופועלת פעולתה כו׳ (תניא שם).

49) ראה תניא פכ״ד (שם) ופכ״ה. וראה גם ד״ה באתי לגני שם. ועוד.

50) תהלים קכא, א.

— זאָגט תורה אַ הלכה ברורה „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו", און וויבאַלד אַז „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל"[51] — „מה שהוא עושה הוא אומר לישראל לעשות"[52], איז במילא מובן, אַז דער אויבערשטער („רבו") געפינט זיך, כביכול, אין גלות צוזאַמען מיט אידן („תלמידו"), וכמחז"ל[53] „בכל מקום שגלו (ישראל) שכינה עמהן", און „קוב"ה[54] אשתכח ביניהו (בגלותא) .. וקריי[55] ואמר[56] שובו בנים .. ארפא משובותיכם" — ער פועל'ט אַז מ'זאָל ווערן „תלמידים מהוגנים", און דורך דעם גייט מען אַרויס פון גלות.

נאָכמער: חז"ל זיינען מדייק „מגלין רבו עמו" (ניט „מביאין רבו עמו" וכיו"ב) — וואָס דאָס מיינט, אַז אויך ביים רב איז דאָס אַ מצב של גלות.

ניט נאָר אַז דער רב דאַרף זיך געפינען אין דער זעלבער שטאָט מיט זיין תלמיד, אָבער דאָרט גופא איז ער ווי אַ בן־חורין

— במצב כזה וועט ער ניט קענען משפיע זיין (בשלימות) אויפן תלמיד אין אַן אופן פון „עביד לי' מידי דתהוי לי' חיותא", וואָרום צווישן זיי איז אַ מרחק עצום והפסק: דער תלמיד איז אין גלות, און דער רב — אין חירות; ובמילא איז ווי איז עס מעגלעך אַז דער רב זאָל זיך קענען אַריינלייגן בשלימות אין דעם תלמיד'ס מצב צו מאַכן פון אים אַ „בעל חכמה" —

עס מוז זיין „מגלין רבו עמו": דער רב דאַרף זיך געפינען אין דעם זעלבן (מצב) גלות ווי דער תלמיד געפינט זיך.

ועד"ז בנוגע כביכול דעם אויבערשטן מיט אידן. ווען אידן זיינען אין גלות, איז (נוסף וואָס „שכינה עמהן", איז) „שכינתא בגלותא"[57], די שכינה איז אין גלות, וכמש"נ[58] „בכל צרתם לו צר" — ס'איז זיין צרה כביכול, „השכינה[59] שרוי' עם ישראל בצרת גלותם".

ובמילא איז ניטאָ קיין אָרט פאַר יאוש ח"ו, ואדרבה — ס'איז ברור אַז ניט קוקנדיק אויפן מצב איום ונורא פון גלות, איז „הוי' שומרך הוי' צלך (וואָרום ער געפינט זיך) על יד ימינך"[60].

ועוד ועיקר — וויבאַלד אַז „שכינתא בגלותא", איז אפילו אויב מצד דעם מצב פון אידן וואָלט געווען אַ קס"ד אַז דער גלות דאַרף ח"ו נאָך אַ ביסל דויערן, איז „למעני למעני אעשה"[61]: דער אויבערשטער ברענגט די גאולה צוליב זיך כביכול,

און אין אַן אופן פון „אחישנה"[62] — לא עכבן אפילו כהרף עין[63] — נעמט

51) שם קמז, יט.
52) שמו"ר פ"ל, ט.
53) מגילה כט, א. ספרי ס"פ מסעי (עה"פ (לה, לד) ולא תטמא — סיום פ' ערי מקלט). ועוד.
54) זח"ג ד, ב.
55) ובודאי „קרי" דהקב"ה — פועל ועושה.
56) ירמי' ג, כב.

57) בלשון הזהר (ח"ג צ, ב) „שכינתא אתגלייא בהדייהו .. פורקנא .. לקב"ה .. לה' הישועה". וראה שיחת ש"פ אמור תשל"ז.
58) ישעי' סג, ט. וכן „עמו אנכי בצרה" (תהלים צא, טו). וכדחז"ל על ב' הפסוקים (תענית טז, א).
59) ל' רש"י נצבים ל, ג. וראה לקו"ש ח"ט ע' 178 ואילך.
60) תהלים קכא, ה.
61) ישעי' מח, יא. סנהדרין צח, א. וראה זח"ג סו, ריש ע"ב.
62) ישעי' ס, כב. סנהדרין שם.
63) ל' חז"ל (מכילתא ורש"י בא יב, מא) בנוגע לגאולת מצרים, והרי כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות (מיכה ז, טו).

**דער אויבערשטער אַרויס זיך און בניו פון גלות און פירט זיי און זיי גייען צוזאַמען[64] אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ומיד ממש.**

(משיחת כ"ף טבת — הילולא דהרמב"ם* — תשמ"ה)

64) **מקומות שבהערה** 53. **רש"י נצבים שם.**

*) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 26. וש"נ.